ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

א. גאָרזדער

# דעם מענטשנס עלטסטער פריינד — דער הונט.

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1928

**Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"**
redagowano przez S BASTOMSKIEGO

A Gorsder

**Najdawni przyjaciel człowieka — pies**

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

דער הונט איז ניט בלויז דער געטרײ־סטער, ער איז אויך דער עלטסטער פון אַלע פריינד, וואָס דער מענטש האָט צווישן די חיות. אַ סברה, אַז די פרײַנדשאַפט צווישן דעם מענטשן און דער הונט איז נאָך עלטער ווי די פרײַנדשאַפט צווישן דעם מענטשן און דעם פערד.

ווען האָט זיך אָנגעהויבן די פרײַנדשאַפט צווישן דעם מענטשן און דעם הונט?

דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער מ׳וועט אפשר קײנמאָל ניט קענען געבן קײן גענויעם ענטפער. מ׳ווייס אָבער יאָ, אַז דאָס האָט געמוזט פאָרקומען שוין גאָר אין אַמאָליקע אור־אַלטע צייטן, וואָרעם מ׳האָט געפונען ביינער פון הינט זייט־בײ־זייט לעבן די ביינער פון מענטשן, וואָס מ׳האָט אויסגעגראָבן פון די עלטסטע צייטן.

אָבער די פרײַנדשאַפט צווישן דעם מענטשן

און דעם הונט איז ניט געקומען גאָר פּלוצלונג, באַלד ווי נאָר זיי האָבן זיך באַקענט. עס ווייזט אויס, אַז זיי זיינען אַ לאַנגע צייט גע־ווען איינער דעם אַנדערן ביטערע שונאים און האָבן געפירט בלוטיקע מלחמות צווישן זיך. פונקט ווי דער מענטש האָט געהאַט צו קעמפן קעגן אַלע אַנדערע ווילדע חיות, אַזוי האָט ער אויך געמוזט פירן אַ ביטערן קאַמף קעגן די ווילדע הינט.

און ניט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען דעם מענטשן, וועלכער האָט נאָך קיין וואָפן ניט געהאַט, צו באַקעמפן און צו באַזיגן די ווילדע הינט. וואָרעם אַחוץ וואָס זיי זייגען געווען זייער פלינק, שטאַרק און מוטיק, פלעגן זיי נאָך דערצו קעמפן ניט איינע אַליין, נאָר פאַרייניקט אין גאַנצע מחנות. עס קען גריי־לעך זיין, אַז אין די ערשטע מלחמות צווישן די מענטשן און די הינט פלעגן די הינט אַרויסקומען די זיגער, און ניט איין ווילדער מענטש איז אַזוי צעריסן געוואָרן אויף שטי־קער פון אַ סטאַיע ווילדע הינט.

אָבער דער זיג האָט סוף־כל־סוף געמוזט בלייבן ניט ביי די הינט, נאָר ביי די מענטשן וואָרעם דער מענטש האָט געהאַט פינגער אויף.

די הענט און אויף די פיס, מיט וועלכע ער האָט געקענט אָנכאַפּן זאַכן. דער מענטש האָט דערפאַר געקענט אַרויפקלעטערן אויף ביימער, אַ זאַך, וואָס די הינט האָבן ניט געקענט טאָן.

איז דער מענטש אין דער אוראַלטער צייט, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ צעשראָקענער און צעביסענער אַזוי געזעסן אין דער הויך אויף אַ בוים און געקוקט, ווי די ווילדע הינט שפּרינגען פון אונטן און בילן און וואָיען מיט שרעקלעכע שטימען. ער איז געווען מיד און הונגעריק און האָט געקלערט, ווי אַזוי מ'קען אַראָפּקריכן פון בוים און גיין אַהיים עפּעס כאַפּן אין מויל.

האָט אָבער איינער פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן אין די אַמאָליקע צייטן געקעמפט מיט די הינט, געהאַט אַ געניאַלן קאָפּ, און ער איז געפאַלן אויף אַ מערקווירדיקער ערפינדונג.

עס איז אים איינגעפאַלן, אַז מ'דאַרף גאָר ניט אַראָפּגיין אויף דר'ערד צו קעמפן קעגן די הינט, נאָר מ'קען אָפּברעכן אַ צווייג און אָט אַזוי געבן די הינט אַ גוטן קלאַפּ, גאָר ניט אַראָפּגייענדיק פון בוים.

אַ ביסל שפּעטער האָבן די הינט, ווייזט אויס, זיך אויסגעלערנט אָפּצושפּרינגען

אָן אַ זייט און אויסמיידן דעם קלאַפּ פון דעם שטעקן.

דאַן, דאַרפן מיר זיך פאָרשטעלן, איז אויפ־געשטאַנען אַ נייער גרויסער מענטש און האָט געמאַכט נאָך אַ גרעסערע דערפינדונג. ער האָט אלעמען באַוויזן, אַז מ׳דאַרף גאָר ניט ברעכן קיין צווייגן פון די ביימער, כדי אָפּצוטראָגן די הינט. מ׳קען בעסער זיך צילעווען אויף זיי מיט שטיינער און זיי דערהרגענען, איידער נאָך זיי באַווייזן איינצובייסן.

אַזוי אַרום האָבן די הינט זיך איבערצייגט, אַז דער מענטש שטייט העכער פון זיי און זיי האָבן אָנגעהויבן אים שטאַרק צו אַכטן. זיי האָבן אָנגעהויבן אים צו באַטראַכטן פאַר אַ גע־היימניספולער באַשעפעניש, וועלכע רייסט ניט און בייסט ניט מיט זיינע נעגל און זיינע ציי־נער, נאָר קעמפט פון ווייטן מיט שרעקלעכע געווער.

דער הונט און דער מענטש האָבן אויך אָנגעהויבן איינצוזען, אַז זיי האָבן ביידע שותּפותע אינטערעסן און קענען זיך קעגנזייטיק אַרויס־העלפן. וואָרעם ביידע זיינען זיי געווען פלייש־עסערס און ביידע האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך לעבעדיקע באַשעפענישן, כדי צו עסן זייער פלייש.

האָט עס אָפּטמאָל געטראָפן, אַז דער מענטש האָט זיך געיאָגט נאָך אַ חיה, און הינטער אים איז נאָכגעלאָפן אַ הונט, זיך האַלטנדיק אויף אַ געוויסער ווייטקייט פון אים. דער מענטש האָט דערהרגעט די חיה מיט אַ שטעקן, מיט אַ שטיין אָדער מיט אַ שפּיז, און די שטיקער פון איר קערפּער, וואָס ער האָט איבערגע-לאָזן, האָט דער הונט דערנאָך אָפּגעראַמט.

דער קיצור דערפון איז: דער מענטש און דער הונט האָבן ביידע איינגעזען, אַז עס לוינט זיך פאַר ביידן ניט צו פירן קיין מלחמות, אַז ס'איז גלייכער פאַר ביידן צו ווערן שותפים און צו גיין צוזאַמען אויף געיעג.

---

אָבער ניט בלויז אויף געיעג זיינען דער מענטש און דער הונט געוואָרן פריינד. זיי זיינען עס געוואָרן אויך אין דער היים. דער מענטש האָט דאַמאָלסט נאָך געלעבט איז היילן אונטער דר'ערד. פלעגט ער אָפּעסן זיין פליי-שיקן מאָלצייט און אַרויסוואַרפן די ביינער ביי זיין הייל. האָבן זיך אַזוי אָנגעזאַמלט בערגלעך גאַנצע מיט אַזעלכע אַרויסגעוואָרפענע שטי-קער. האָבן הונגעריקע הינט עס דערשמעקט און זיינען געקומען שטילערהייט און דאָס אָפּ-געראַמט און געשטילט זייער הונגער.

אין אַ הייב פלעגן די הינט מורא האָבן און אַוועקגנבענען דעם אָפּפאַל שטילערהייט. דערנאָך אָבער האָבן זיי איינגעזען, אַז מ׳שטערט זיי גאָר ניט.

האָט דער מענטש און דער הונט זיך אָט אַזוי צוגעוווינט איינער צום אַנדערן, און דער הונט איז געוואָרן אַן איינגייער, אַ גאַנצער „בן־בית" ביי דעם מענטשן. פאַרקערט ווידער, איז דער מענטש אויך געוואָרן אַן איינגייער ביי דעם הונט. ער פלעגט אַ יונגקיין אָפּטמאָל צו זיין נאָרע און ברענגען פון דאָרטן צו זיך אין הייל אַריין קליינע הינטעלעך פאַר די קינדער זיך צו שפּילן. זיינען די הינטעלעך אויפגעוואַקסן מיט די מענטשן־קינדער צוזאַמען, האָבן זיך כסדר געשפּילט מיט זיי און אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר מענטשן.

אַזוי אַרום איז אין פאַרלויף פון דורות דער הונט געוואָרן אינגאַנצן אַ געצאַמטע הויז־חיה, און עס איז אים שוין מער ניט איינגעפאַלן צו גיין צוריק אין ווילדן וואַלד אַריין.

דער הונט איז געוואָרן גוט־ברודער מיט דעם מענטשן, און ער האָט אויף דעם קיין חרטה ניט געהאַט. וואָס ווייטער, אַלץ מער האָט דער הונט איינגעזען, וואָסערע מאָרנע,

געהייַ־ניספולע באַשעפענישן די מענטשן זייַ־
נען. וואָרעם כסדר טראַכטן זיי אויס נייע זאַכן, נייע דערפינדונגען, און ער, דער הונט, קען האָבן אַ חלק אין דעם און אויך געניסן פון דער באַקוועמלעכקייט און דער באַשיצונג, וואָס זיי גיבן. אָט, למשל, האָט דער מענטש דערפונדן פייער, און דער הונט קען ליגן אין אַ קאַלטן וועטער און זיך וואַרעמען ביי דעם.

מיט דער צייט האָט דער מענטש אויס־
געפונען, אַז געוויסע איינצלנע הינט זיינען פלינקער ווי אַנדערע און טויגן דערפאַר בע־
סער פאַר געיעג. האָט ער די הינט געהאָדע־
וועט און מיטגענומען מיט זיך, ווו ער איז גע־
גאַנגען, און די אַנדערע, ווייניקער פלינקע און ווייניקער טויגלעכע האָט ער אַוועקגע־
טריבן אָדער אַוועקגעהרגעט. אָט אַזוי האָט ער אַ לענגערע צייט אַלץ אויסגעקליבן די בע־
סערע און פלינקערע, ביז עס האָט זיך אַנט־
וויקלט אַ באַזונדערער סאָרט פון יאַגד־הינט.

אַזוי אָבער ווי מ׳האָט זיך באַנוצט מיט הינט ניט בלויז פאַר געיעג, נאָר אויך פאַר אַנדערע צוועקן, האָט מען געזוכט אַרויסצו־
ברענגען און צו אַנטוויקלען אין דעם הונט אויך אַנדערע פאַרשיידענע פעאיקייטן. עס

זיינען אויך אויפגעקומען פאַרשיידענע סאָרטן הינט אין פאַרשיידענע לענדער און קלימאַטן. אין דעם פאַרקער צווישן די פאַרשיידענע לענדער זיינען אויך די הינט געבראַכט געוואָרן פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן און זיך דורכגע־מישט. זיינען אַזוי אין פאַרלויף פון דער צייט אויפגעקומען פאַרשיידענע ראַסן פון די הינט, וואָס מיר זעען היינט.

---

די אמתע געשיכטע פון די הינט הייבט זיך ערשט אָן מיט די אויסגעגראָבענע מאָנומענטן פון די ערשטע ציוויליזירטע פעלקער.

אויף די מאָנומענטן, וואָס מ׳האָט אויסגע־גראָבן פון די אַמאָליקע עגיפּטער און אַסיריער (אשורים), שטייען אָפּגעמאָלן הינט, וועלכע מ׳קען דערקענען, אַז זיי באַלאַנגען צו פאַר־שיידענע הינטישע ראַסן.

די אַמאָליקע עגיפּטער זיינען געווען באַ־קאַנט מיט הינט, פּונקט אַזוי ווי מיר. שוין מיט פינף טויזנט יאָר צוריק זיינען הינט גע־ווען ניט בלויז זייערע באַגלייטער און העלפער אין יאַגד, נאָר אויך זייערע געטרייע פריינד אין דער היים. איין סאָרט יאַגד־הונט האָט ביי די אַמאָליקע עגיפּטער געטראָגן דעם נאָמען וואָלף. עס ווייזט דערפון אויס, אַז די אַמאָליקע

עגיפּטער האָבן שוין געוווּסט דעם יחוס פון דעם הונט, אַז ער שטאַמט אָפּ פון אַ וואָלף.

ביי די אַמאָליקע עגיפּטער האָט דער הונט געהערט צו די הייליקע חיות, צו וועלכע די עגיפּטער האָבן זיך געבוקט און געדינט ווי צו געטער.

צו האַלטן די חיות פאַר געהיימניספולע ברואים און צו גלויבן, אַז אַ געוויסער גאָט אַנטפּלעקט זיך אין זיי, איז אַ גאַנץ געוויינט־לעכע זאַך ביי ווילדע פעלקער און שבטים. די עגיפּטער אָבער האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערע ווילדע, נאַרישע גלויבנס טויזנטער יאָרן נאָכ־דעם, ווי זיי האָבן שוין געהאַט דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון ציוויליזאַציע.

נאָך אין דער גריכיש־רוימישער צייט האָבן די עגיפּטער געהאַט זייערע הייליקע חיות, צו וועלכע זיי האָבן געדינט. אַזאַ הייליקע חיה האָט געהאַט איר טעמפּל, וווּ מ'האָט זי גע־האַלטן, און ספּעציעלע פּריסטער, וועלכע האָבן זי געפּיטערט, האָבן אויף איר אויפגעפּאַסט און האָבן אויך געפּראַוועט די הייליקע צע־רעמאָניעס פאַר איר. אַ הייליקע חיה האָט מען ניט געטאָרט רירן. פאַרן דערהרגענען אַ היי־

ליקע חיה האָט געקויפט טויטשטראָף. ווען מ'האָט געאָפּפערט אַ הייליקע חיה אַלס קרבן צו דעם גאָט, וועלכער האָט לויט דעם עגיפּטישן גלויבן זיך אין איר אַנטפּלעקט, פלעגן די עגיפּטער שטיין אַרום און מיט טיפע כוונות זיך קלאַפּן אין האַרצן און זיך מתוודה זיין אויף זייערע זינד.

צו דער העכסטער שטופע פון הייליקייט און געטלעכקייט האָט אין עגיפּטן דערגרייכט דער אָקס, אָבער אויך הינט האָט מען געהאַלטן פאַר הייליק. אויך זיי זיינען געווען סימבאָלן, עמבלעמען פון אַ גאָט (אַ הייליקן אָקס, אַן עמבלעם פון דעם גאָט בעל, האָבן אויך די יידן געהאַט פאַרצייטן אין ארץ ישראל. דאָס איז געווען דער „עגל הזהב", וואָס איז געשטאַנען אין אַ סך טעמפּלען אין מלכות ישראל).

דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט, וועלכער האָט געלעבט אין פינפטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, דערציילט, אַז ווען אַ הונט, וואָס האָט געהערט צו אַן עגיפּטישער פאַמיליע, פלעגט פּגרן, פלעגן אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע זיין „אבלים". דער דאָזיקער מנהג האָט נאָך גע-

הערשט אין הערֹאָדאָטס צייט.

פאַרוואָס איז דער הונט געווען אַ געטלעכע חיה ביי די אַמאָליקע עגיפּטער? וועגן דעם גיבן די געלערטע פאָלגנדיקע דערקלערונג:

עגיפּטן איז אַ לאַנד, וואָס ענגט איינגאַנצן אָפּ פון דעם טייך נילוס. ער פלייצט אויס אַלע זומער און באַלייגט דאָס גאַנצע לאַנד מיט פעטע בלאָטע, וואָס מאַכט פרוכטבאַר דעם באָדן. דאָס קומט פאָר אַלע זומער אין דער הייסער צייט, ווען דער שטערן סיריוס באַווייזט זיך אין הימל איבער האָריזאָנט. ווי נאָר דער דאָזיקער שטערן פלעגט זיך באַווייזן, פלעגן די עגיפּטער האַסטיק זיך אַריבערקלייבן מיט זייערע סטאַדעס אין די העכערע ערטער און לאָזן די נידעריקע ערטער באַפרוכפערט ווערן פון די וואַסערן פון דעם נילוס.

דער דאָזיקער שטערן איז געווען פינקטלעך און האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיקט צו זאָגן די בשורה, אַז דער נילוס הייבט אָן פלייצן. אַזוי ווי דער סיריוס האָט געטריי אָפּגעהיט דעם נילוס, האָט מען אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „דער הונט" (דעם נאָמען טראָגט דער שטערן ביז היינטיקן טאָג). עס הייסט: דער הונט פון הימל, וועלכער היט דעם נילוס

אויף דער ערד.

דער שטערן און דער הונט האָבן זיך מיט דער צייט אַזוי צונויפגעמישט און געוואָרן איינס אין דעם געדאַנק פון די אַמאָליקע עגיפּטער. און אַזוי ווי דער נילוס איז אויך געווען ביי זיי אַ גאָט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דער גייסט פון דעם גאָט פון נילוס אַנטפּלעקט זיך אין אַ הונט, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרגעטערן דעם הונט און דינען צו אים. זיי פלעגן פאָרשטעלן דעם הינ־טישן גאָט מיט דעם קערפּער פון אַ מענטשן און דעם קאָפּ פון אַ הונט. זיי האָבן אויך גע־האַט געוויסע יום־טובים, ווען זיי פלעגן אָפּ־פערן אַלס קרבנות שוואַרצע און ווייסע הינט, וועגן וועלכע זיי האָבן געגלויבט, אַז אין זיי ליגט די נשמה פון דעם הינטישן גאָט.

פון עגיפּטן האָט די פאַרגעטערונג פון דעם הונט זיך פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע לענ־דער. אויך די גריכן און די רוימער פלעגן אָפּפערן הינט צו פאַרשיידענע געטער. די גריכן האָבן אויך געהאַט אין זייער גלויבן אַ פאַנ־טאַסטישן הונט, אָדער הינטישן גאָט מיט דריי קעפּ, וועגן וועמען זיי האָבן געגלויבט, אַז ער היט די טויערן פון גיהנום.

דער הונט איז געווען אזוי געאַכטעט און פאַרערט פאַרצייטן, אַז ביי אַ געוויסן פאָלק אין עטיאָפּיע (דאָס לאַנד אין דרום-זייט פון עגיפּטן, וואָס טראָגט אין תנ״ך דעם נאָמען „כּוש״) זיינען הינט געווען מלכים און פלעגן זיצן אויפן קיניגלעכן טראָן.

ווערט סאַקע דערציילט, אַז אין דעם לאַנד „כּוש״ פלעגט אַ הונט, אין קיניגלעכן מאַנטל און מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, זיצן אויף אַ קי-ניגלעכן טראָן, און אַלע זיינע אונטערטאַנען פלעגן קומען צו אים אויסדריקן זייער אונ-טערוואָרפנקייט און געטריישאַפט צו זיין הינ-טישער מאַיעסטעט... גערעדט האָט ניט פיל דער הינטישער קיניג. האָט ער געוואָלט גוט-הייסן אַ פּראָיעקט פון זיינע מיניסטאָרן, האָט ער אַ שאָקל געטאָן זיין וויידל. ווען ער האָט געוואָלט אויסדריקן זיין אומצופרידנקייט אָדער קעגנערשאַפט צו עפּעס אַ זאַך, האָט ער גע-האַווקעט. האָט ער געוואָלט אָפּגעבן עמיצן כּבוד און אים געבן אַ הויכן טיטל, האָט ער געלעקט זיין האַנט. און אַז זיין הינטישע מאַיעסטעט האָט זיך צעוואָיעט און צעבּרומט קעגן איינעם, האָט עס געהייסן, אַז יענער מענטש איז דורך אַ קיניגלעכן אורטייל פאַר-

משפט געוואָרן צו אייביקער טורמע, אָדער צום טויט.

## דער הונט ביי יידן.

ביי יידן פאַרצייטן אין ארץ-ישראל איז דער הונט קענטיק ניט געווען קיין באַליבטע חיה. עס ווייזט אויס, אַז די יידישע הינט אין יענע צייטן זיינען געווען פון דעם האַלב-ווילדן מין, וואָס מע זעט אין די מזרח-לענדער.

יידישע פאַסטעכער און פויערים האָבן זיי געהאַלטן נאָר צו היטן זייערע סטאַדעס און זייערע הייזער.

דער יידישער הונט פאַרצייטן האָט זיך אַרומגעטריבן אויף די גאַסן, וווּ ער האָט אויפ-געפרעסן גאָר דעם אָפּפאַל, וואָס מע האָט אַרויסגעוואָרפן פון די הייזער. פלייש פון אַ בהמה, וואָס איז צעריסן געוואָרן פון אַ ווילדער חיה, איז געווען פאַרבאָטן צו עסן.

פאַר די הינט, שטייט עס, זאָל מען עס אַרויס-וואַרפן (שמות, כ"ב, 30). ביינאַכט פלעגן די הינט אַרומגיין סטאַיעסווייז פון אָרט צו אָרט און פלעגן צעטרייסלען די לופט מיט זייער וואָיען און בילן (תהלים, נ"ט, 7-8).

מיט אַזעלכע הינט זיך אָנהייבן איז געווען אַ גרויסע סכנה. בייזע, פאַלשע מענטשן האָט

מען דערפאַר באַצייכנט מיטן וואָרט „הינט".
„הונט" איז אויך געווען אַ באַצייכענונג פאַר
אַ נידעריקן, ווערטלאָזן מענטשן. „דיין קנעכט
איז דאָך ניט מער ווי אַ הונט". זאָגט חזאל
צו אלישע הנביא (מלכים ב, ח, 13).

אויך שפּעטער נאָך, אין די תּלמודישע
ציַיטן, האָט זיך פיל ניט געענדערט די באַ-
ציונג פון דעם יידן צו דעם הונט. פּונקט ווי
דער ייד פון ארץ-ישראל, אַזוי האָט אויך דער
ייד פון בבל געקוקט אויף דעם הונט ווי אויף
אַ נידעריקע, האַלב-ווילדע חיה. ער האָט אים
געהאַלטן פאַר אַ וועכטער צו היטן זיינע שאָף
און בהמות און האָט אים אויך מיטגענומען
אויפן וועג. אָבער פון האַלטן אַ הונט פאַר
אַ געטרייען פריינד און זיך שפּילן מיט אים
און אים ליב האָבן האָט דער ייד אין יענע
ציַיטן ניט געוווּסט.

אַלס וועכטער אָבער איז דער הונט געווען
זייער פּאָפּולער ביי יידן אין די ציַיטן פון
דער גמרא. עס ווערט אָנגעזאָגט, מע זאָל ניט
וווינען אין קיין שטאָט, וווּ עס הערט זיך ניט
דאָס בילן פון אַ הונט. אַ הונט בילט ניט אין
אַ פרעמדער שטאָט, שטייט עס אין גמרא, און
עס דויערט זיבן יאָר, ביז ער ווערט היימיש.

מע זעט דערפון, אַז די יידן אין יענע צייטן זיינען געווען גוט באַקאַנט מיט דער נאַטור פון דעם הונט.

מיט דער צייט האָט דאָך דער ייד גע־קראָגן עטוואָס א בעסערע באַציִונג צו דעם הונט. וואָרים עס געפינען זיך אין דער תּלמודישער ליטעראַטור דאָ און דאָרטן אויך גוטע מיינונגען וועגן הונט. אויפן פּסוק אין חומש בראשית, אַז גאָט האָט געמאַכט קינען א צייכן, כּדי מע זאָל אים ניט דערהרגענען, זאָגט איינער אין מדרש, אַז גאָט האָט אים געגעבן א הונט, אים צו היטן פון מערדער.

א הונט, שטייט אין גמרא, איז בעסער פאַר א קאַץ, וואָרים א הונט דערקענט זיין האַר, און א קאַץ — ניט.

## מעשיות פון קלוגע און באַרימטע הינט.

וועגן קיין חיה און בהמה זיינען נישטאָ אַזוי פיל מעשיות ווי וועגן הינט. עס זיינען דאָ אָן א צאָל מעשיות וועגן קלוגע זאַכן, וואָס הינט האָבן אָפּגעטאָן. איין מעשה דער־ציילט, אַז א הונט האָט געוואָלט האָבן א פרישע איי צו מיטאָג, האָט ער געכאַפּט א הון, זי אַריינגעשלעפּט אין זיין נאָרע און זי געהאַלטן

דאָרטן געפאַנגען, ביז זי האָט אויסגעלייגט די איי. נאָכדעם זיינען זיי ביידע געבליבן אויף שטענדיק גוטע פריינד.

אַן אַנדער מעשה דערציילט, אַז אַ הונט האָט אַמאָל געראַטעוועט אַ קינד פון דער־טרונקען ווערן און ער איז דערפאַר באַלוינט געוואָרן מיט אַ שטיק זיסן קוכן. האָט ער דערנאָך אַריינגעשטופּט אַן אַנדער קינד אין וואַסער, כּדי צו קריגן נאָך אַ שטיק קוכן.

אַזעלכע מעשיות זיינען דאָ אין די הונ־דערטער, און וועגן די גרויסע זאַכן, וואָס גע־לערנטע הינט האָבן אויפגעטאָן אין מלחמה, אויפן שלאַכטפעלד, זיינען ביכער גאַנצע אָנ־געשריבן געוואָרן.

מאַנכע הינט האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט און זיינען באַרימט געוואָרן אַלס אַקטיאָרן אויף דער בינע אין פאַרשיידענע פּיעסן.

פאַראַן אויך הינט מיט אַ נייגונג אַרומ־צורייזן איבער דער וועלט. איינער אַזאַ הונט שטייט איצט אויסגעשטאָפּטערהייט אין מוזעאום פון פּאָסט־אָפּיס־דעפּאַרטאַמענט אין וואַשינגטאָן. דער הונט, וועלכער האָט געהייסן אָוני, האָט אין זיין קינדהייט געהערט צום פּאָסט־אָפּיס אין אָלבאַני. איינמאָל איז ער מיטגעפאָרן מיט

דעם פּאָסט־וואָגן ביז צום סטאַנציע. איז ביי אים געבליבן, אַז ער וועט פּרובירן פאָרן אַ שטיקל ווייטער מיטן פּאָסט־וואָגן. איז עס אים גוט געפעלן, און ער האָט באַקומען אַ שטאַר־קע לוסט אַרומצוּוואַנדערן און צו זען די וועלט. האָבן די באַאַמטע פון אָלבאַנער פּאָסט־אָפּיס באַשלאָסן צו בעטן אַלעמען אַכטונג צו געבן אויף אים, ווו מע וועט אים זען אין אַ נייעם אָרט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָוני האָט באַזוכט יעדע גרוי־סע שטאָט אין די יונייטעד סטייטס, און האָט נאָך דערצו באַזוכט אויך מעקסיקע און קאַנאַדע.

ווען ער האָט דערגרייכט וואַשינגטאָן, האָט דער פּאָסטמייסטער דזשענעראַל באַפוילן אים אָנצוטאָן אַ שפּאַנגעצייג, אָנשטאָט זיין איבער־געלאָדענעם קראַגן. אַזוי איז ער מיט זיין שפּאַנגעצייג אַוועק קיין סאַן־פראַנציסקאָ, ווו ער האָט באַקומען אַ מאָדעל און אַ ריכטיקע רייזע־טאַש, אין וועלכער ער האָט געקראָגן זיין וואַרעמע רעקעלע, זיין שפּאַנגעצייג און „קרעדענשעלס". מיט דער אויסריכטונג איז ער אַלס דער גאַסט פון אַ שיפס־קאַפּיטאַן אַוועק קיין יאָקאָהאַמאַ, ווו ער האָט געקראָגן פון דעם יאַפּאַנישן קייסער די פרייהייט פון דער

יאַפּאַנישער מלוכה. פון דאָרטן איז ער אויף
אַן אַמעריקאַנער דאַמפּער אַוועק קיין כינע,
ווו ער האָט געקראָגן אַ פּערזענלעכן פּאַס־
פּאָרט פון דעם כינעזישן קייסער.

אַזוי האָט ער געררייזט אַרום דער וועלט
איבער אינדיע, עגיפּטן און מערב־אייראָפּע,
ביז ער איז צום סוף געקומען צוריק קיין ניו־
יאָרק. ער איז האַסטיק אַוועק צוריק קיין קאַ־
ליפאָרניע און געענדיקט דערמיט זיין רייזע
אַרום דער וועלט, וואָס ער האָט געמאַכט אין
132 טעג.

א. גאַזדער.



אבאָנירט אַלע דעם איינציקן 2=וועכנטלעכן
אילוסטרירטן יידישן קינדער=זשורנאַל

# „גרינינקע ביימעלעך"

דערשיינט אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון
ש. באַסטאָמסקי

דריטער יאָרגאַנג (נאָך דער באַנײַונג)

דערשינען אין די יאָרן: 1914, 1915, 1919, 1920,
1921, 1922, באַנייט אין יאָר 1926

די „גרינינקע ביימעלעך" האָבן פאַרדינט די
אַלגעמיינע אָנערקענונג פון אַלע פריינד פון
יידישן וואָרט און יידישן קינד.

אַבאָנעמענטס=פּרייז:

פאַר פוילן: אַ יאָר (20 נומ.)–7 ג. אַ 1/2 יאָר–4 ג.
פאַר אויסלאַנד: אַ יאָר (20 נ.)–1,20 ד. 1/2 יאָר–60 ס.
קאָמפּלעטן געבונדענע אין לייוונטענע פּראַכט=בענדער.
I יאָרגאַנג – 6 גילדן (70 סענט)
II " –10 " (1,20 ד.)

אַדרעס פון דער רעדאַקציע=אַדמיניסטראַציע:
S. Bastomski.
Wilno, Stefańska 24, m. 28.

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פֿון ש. באַסטאָמסקי

גאָזדער

# ווי אַזוי מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט צו מאָלן תבואה

ווילנע
פֿאַרלאַג „נייע יידישע פֿאָלקסשול"
1928

Gozder

**Jak ludzie nauczyli się mleć zboże?**

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

וווייסט איר, קינדער, וועלכער, ס׳איז דער וויכטיקסטער פון אַלע שטיינער אויף דער וועלט? — דער מילשטיין. ער איז דער וויכטיקסטער, ווייל ער איז ביז דער לעצטער צייט געווען און איז טיילווייז נאָך איצט אויך דער נוצלעכסטער. ער איז דער שטיין, וואָס האָט געגעבן דעם מענטשן די מיגלעכקייט צו צעמאָלן דין די קערנער תּבואה און צו באַקן דערפון ברויט.

און דאָס, וואָס דער מענטש האָט געקראָגן אַ מעגלעכקייט צו עסן ברויט, האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע באַדייטונג אויף פאַר זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג.

ביז יענער צייט איז דער מענטש געווען אַ וואַנדערער, האָט זיך געשפּייזט פון געיעג. צייט ער האָט אָנגעהויבן צו עסן ברויט, האָט ער זיך באַזעצט אויף איין אָרט און אַזוי אַרום געהאַט די מיגלעכקייט אויפצובויען אַ הויכע ציוויליזאַציע.

## ווי אזוי מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו מאָלן תבואה?

פון ווייץ האָבן מענטשן געוווּסט אין אַ סך טיילן פון צענטראַל- און מזרח-אייראָפּע שוין גאָר אין די סאַמע עלטסטע צייטן, נאָך איידער זיי האָבן געוווּסט פון מעטאַלענע כּלים, ווען זיי האָבן נאָך געמאַכט אַלצדינג פון שטיין.

שוין אין יענער צייט, ווען די מענטשן אין אייראָפּע האָבן נאָך געוווינט אין הייזער, געבויט אויף פּאַליעס אין אָזערעס, האָבן זיי שוין געזייט פעלדער מיט ווייץ און הירזש.

אין דעם גרונט פון אַן אָזערע, אונטער איינעם פון יענע פאַרשוווּנדענע דערפער, וואָס זיינען דאָרטן געשטאַנען אַמאָל אין די אור-גראָע צייטן, האָט מען איצט אויסגעגראָבן הונדערטע שעפל (בושל) תבואה.

אין די שפּעטערע צייטן, ווען ס׳זיינען אויפגעקומען די ערשטע פעלקער מיט אַ העכערער ציוויליזאַציע, פעלקער, וועלכע האָבן שוין געוווּסט פון מעטאַלענע כּלים און פון שרייבן און האָבן איבערגעלאָזן געשריבענע דאָקומענטן, איז זייען ווייץ און מאָלן מעל שוין געווען אַן אַלטע אינסטיטוציע, און האָט שוין געהאַט אַ טיפע רעליגיעזע באַדייטונג.

בײַ די אַמאָליקע עגיפּטער און בײַ די גריכן איז װײַץ געװען אַ מתּנה, װאָס די געטער האָבן געגעבן די מענטשן.

פֿאַר די כינעזער איז װײַץ געװען אַ מתּנה פֿון הימל. און ביז ניט לאַנג צוריק פֿלעגן די כינעזער נאָך פּראַװען אַלע יאָר אַ רעליגיעזע צערעמאָניע, בײַ װעלכער דער קײסער פֿלעגט פֿאַרזײען אַ ביסל װײַץ.

---

װי אַזױ האָט דער מענטש אין די עלטסטע צײַטן געמאָלן זײַן תּבֿואה?

דער עלטסטער אופֿן פֿון מאָלן תּבֿואה איז געװען צו צעקװעטשן די קערנער מיט אַ שטאַמפּ (סטוקאַטש) אין אַ שטײסל. פֿון צערײַבן די קערנער צװישן שטײנער האָט מען אין אָנהײב ניט געװוּסט. טױזנטער יאָרן האָט דער מענטש צעהאַקט זײַנע װײצענע קערנער אין אַ הילצערנעם אָדער שטײנערנעם שטײסל. אָבער ער האָט באַמערקט, אַז װען ער ד ר י י ט דעם שטאַמפּ אין שטײסל און רײַבט די קערנער תּבֿואה, צעמאָלן זײ זיך אַ סך בעסער און גרינגער, אײדער געבנדיק זײ אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ מיטן שטאַמפּ.

דער מענטש האָט אַזױ אַרום אײַנגעזען,

אַז צערייבן די קערנער תּבואה צווישן די צוויי שטיינער איז פיל בעסער ווי שטויסן זיי מיט אַ שטאַמפּ. און עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון מאָלן אויף דער וועלט.

---

מיטן צערייבן די תּבואה צווישן שטיינער האָט דער מענטש געמאַכט אַ וויכטיקן טריט פאָרויס אין זיין גאַנג צו אַ העכערער ציוויליזאַציע.

אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי איין טריט. דער מענטש איז נאָך אַלץ געווען ווייט פון צו זיין אַ גוטער מילנער, פון האָבן ווייסע מעל און פון באַקן פיינע קוכנס. ער האָט פאַרשטאַנען בלויז צו צערייבן די ווייץ מיט שטיינער, אָבער פון דרייען אַ מילשטיין האָט ער נאָך אַלץ ניט געוווּסט. אַזוי קלוג איז ער נאָך ניט געווען.

ווי האָט דער מענטש געמאָלן די קערנער תּבואה אין יענער צייט, ווען ער האָט ניט פאַרשטאַנען צו דרייען דעם שטיין?

די סאַמע עלטסטע מיל, וואָס מענטשן האָבן ווען געהאַט, איז געבליבן אָפּגעמאָלט אויף אַ בילד פון די עלטסטע צייטן אין דער עגיפּטישער געשיכטע. עס איז אַ שטיין, אויס-

געאַרבעט ווי אַ פלאַכער מולטער. ער איז אָבער אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז זיין פאָדערשטער ענד איז טיפער ווי דער הינטערשטער. אָט דאָ, ביי דעם טיפערן ענד פון פאָרנט, ליגט אַ פרוי אויף די קני און מיט אַ צווייטן קלענערן שטיין צערייבט זי די קערנער אין דער פאַרטיפונג פון דעם גרעסערן שטיין.

אַזאַ איינפאַכע מיל האָט, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, ניט געקענט אַרויסגעבן קיין פיינע מעל, נאָר אַ סאָרט גרויפן. מע האָט דעריבער דעמאָלט געגעסן ווייניק ברויט. עס ווייזט אויס, אַז מע האָט אין יענע צייטן מערסטנס נאָר ווייך געמאַכט די תבואה און עס אָפּגעקאָכט, אָט אַזוי ווי מע טוט נאָך היינט מיט בעבלעך און אַרבעס.

---

מיט אַזאַ מילשטיין האָט מען, אַלזאָ, ניט געקענט פיל אויפטאָן, און מע האָט ביי די פאַר־שיידענע פעלקער פאַרצייטן אָנגעהויבן צו מאַכן אַלערליי פאַרבעסערונגען. די ערשטע פאַר־בעסערונג איז געווען — וואָס מע האָט דעם מילשטיין געמאַכט הויך, כדי מע זאָל ניט דאַרפן ליגן אויף די קני, ווען מע מאָלט, נאָר מע זאָל עס קענען טאָן שטייענדיק, וואָס

עס איז פיל לייכטער. אַזעלכע הויכע מיל־שטיינער געפינען זיך אויף אַלט־עגיפּטישע בילדער.

דער הויכער מילשטיין האָט אָבער ניט אַרויסגעשטופּט אינגאַנצן דעם פריערדיקן שטייסל. מע האָט געריבן די תבואה צווישן צוויי שטיינער, אָבער אַ סך מענטשן האָבן נאָך געשטויסן די קערנער מיט אַ שטאָמפּ אין אַ שטייסל. אַזעלכע שטייסלען האָט דער דייטש־אַמעריקאַנער פאָרשער שלימאַן אויסגעגראָבן אין טראָיאַ, די לעגענדאַרישע שטאָט פון די גריכן, וועלכע האָמער, דער עלטסטער גריכישער פּאָעט, האָט פאַרייביקט אין זיינע פּאָעמעס.

די שטייסלען, וואָס שלימאַן האָט אויסגעגראָבן אין טראָיאַ, זיינען שטיינערנע.

## די האַנט־מיל פאַרצייטן ביי יידן און ביי אַנדערע פעלקער.

אַזוי ווי אי דאָס שטייסל, אי דער הויכער מילשטיין, זיינען געווען זייער שלעכטע מאַכינאַציעס און מע האָט באַקומען פון זיי זייער ווייניק ברויט, האָט שוין אין די אַלטע צייטן פון דעם מילשטיין זיך אַנטוויקלט די

האַנטמיל. זי איז געווען בײַ אַלע אַמאָליקע פעלקער און האָט אומגעפער בײַ אַלעמען געהאַט דעם זעלביקן אויסזען. זי איז באַשטאַ־נען פון צוויי ניט קיין גלײַכע שטיינער. דער אונטערשטער, גרעסערער, פעסטער שטיין איז אין מיטן געווען פוסט, און דער צאַפּן פון דעם אייבערשטן באַוועגלעכן שטיין האָט זיך אין אים אַרײַנגעפּאַסט.

אויך בײַ ייִדן, פּאַרצײַטן, אין ארץ ישראל, איז געווען די האַנט־מיל. זי האָט געהייסן „רחים״. דער אייבערשטער שטיין האָט געהאַט אַ ספּעציעלן נאָמען. מע האָט אים גערופן „רכב״ (רײַטער), ווײַל ער איז געזעסן אויף דעם אונטערשטן שטיין און געפאָרן אויף אים.

צוגרייטן מעל אויף אַ לענגערע צײַט איז בײַ ייִדן דאַמאָלסט קיין מאָדע ניט געווען. יעדן טאָג האָט מען אָנגעמאָלן פרישע מעל און געבאַקן פרישן ברויט. אַזוי פירט זיך דאָס נאָך ביז הײַנט אין די מזרח־לענדער.

נאָך פּאַר זון־אויפגאַנג הערט זיך אין אַראַ־בישן דאָרף לעבן יעדן הויז, ווי עס גרילצן די „זשאָרנעס״. פּונקט אַזוי האָט מען פּאַרצײַטן געהערט אַלע פרימאָרגן דעם גרילץ פון די האַנט־מילן אין די גאַסן פון די שטעט און אין

די דערפעד פון ארץ ישראל. ווען ירמיהו הנביא זעט פאָרויס דעם וויסטן חורבן, וואָס וועט קומען אויף די יידן, זאָגט ער דערפאַר, אַז דאָס לאַנד וועט אַזוי חרוב ווערן, אַז עס וועט זיך מער ניט הערן דער קול פון „זשאָרנעס" („קול רחים" — ירמיה, כ"ה, 10).

הגם יידן האָבן אין דער צייט פון זייער מלוכה אין ארץ ישראל שוין געהאַט האַנט־מילן, האָבן זיי זיך נאָך אָבער באַנוצט אויך מיט שטייסלען. אַ שטייסל האָט געהייסן „מדוכה" און איז באַשטאַנען פון אַ האַרטן שטיין, אויס־געהוילט רונד פון אינעווייניק. מיט אַ שטייסל האָט מען זיך אָבער, ווייזט אויס, באַנוצט נאָר ביי גאַנץ פרישע תבואה, וואָס איז נאָך צו ווייך געווען צו מאָלן אין אַ האַנט־מיל, אָדער אויף צו מאַכן גרויפּן („גרש").

גרויפּן מאַכן איז פאַרצייטן ביי יידן געווען אַ גאַנצע שטיק אַרבעט. צוערשט האָט מען געקאָכט די ווייץ־קערנער, כּדי אַרויסצונעמען דעם קראָכמאָל. דאַן האָט מען זיי געטריקנט אויף דער זון. דערנאָך האָט מען די געטריקנטע קערנער („ריפות") צעשטויסן גראָב אין אַ שטייסל.

געווען דערפאַר אַ ווערטל פאַרצייטן ביי יידן, אַז אויב מע זאָל אפילו שטויסן אַ נאַר אין

אַ שטייסל מיט גרויפּן, וועט מען אַלץ ניט אַרויסקלאַפּן פון אים די נאַרישקייט („משלי, כ"ז, 22").

אָבער, ווי געזאָגט, כּדי צו קריגן פיינערע מעל, האָט מען זיך שוין באַנוצט דעמאָלט מיט דער האַנט־מיל — מיט צוויי שטיינער, אַרויפ־געלייגט איינער אויף דעם אַנדערן. צו מאָלן מיט אַזאַ האַנט־מיל איז ניט געווען קיין לייכטע און אָנגענעמע אַרבעט. אין אָרעמערע הייזער פלעגן עס געווייינטלעך טאָן די פרוי און די טעכטער. אין רייכערע הייזער פלעגן עס טאָן די שקלאַפן.

אַז די פּלשתּים, ווערט דערציילט אין תּנ"ך, האָבן געכאַפּט שמשונען, האָבן זיי אים אויס־געשטאָכן די אויגן און אַריינגעזעצט אין גע־פענקעניש און דאָרטן האָט ער געמאָלן מיט „זשאָרנעס".

אויך אין גריכנלאַנד און אין רוים האָט מען ניט געשאָרט באַשעפטיקן קיין פרייע מענטשן ביים מאָלן מיט אַ האַנט־מיל קעגן זייער אייגע־נעם ווילן. אויך דאָרטן איז מאָלן געווען מערסטנס די אַרבעט פון שקלאַפן. מע פלעגט נאָך אָפטמאָל אַרויפלייגן דעם שקלאַף אַ ברייטן

הילצערנעם רינג אויפן האַלדז, כּדי ער זאָל ניט קענען געניסן פון דער תּבואה, וואָס ער מאָלט.

ביי יידן פאַרצייטן איז די האַנטמיל געווען איינע פון די סאַמע נויטיקסטע זאַכן, וואָס אַ מענטש האָט געמוזט האָבן, און דאָס האָט זיך געפונען אין יעדן יידישן הויז. אָן „זשאָרנעס" צו מאָלן האָט מען ניט געקענט אויסקומען, ווייל מע האָט אָן דעם ניט געהאַט קיין מעל, פון וואָס צו באַקן ברויט.

דער יידישער געזעץ האָט דעריבער פאַרבאָטן צו נעמען דעם מילשטיין פאַר אַ משכּון, ווייל, שטייט עס אין חומש, מ׳נעמט דערמיט דעם מענטשנס לעבן פאַר אַ משכּון.

## מילן אַלס פּרנסה.

זיינען געווען מילנער ביי יידן אין די צייטן פון דעם תּנ״ך, מענטשן, וואָס האָבן געלעבט פון מאַכן מעל פאַר ברויט?

אין תּנ״ך ווערן קיין מילנער ניט דערמאָנט. דערפאַר אָבער הערן מיר פון בעקער. עס ווערט דערציילט, אַז ווען מע האָט אַוועקגעזעצט ירמיהו אונטער אַרעסט, אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים, האָט מען

אים געבראַכט יעדן טאָג אַ לאַבן ברויט פון דער בעקער־גאַס.

מיר זעען דערפון, אַז די יידן פון ירושלים, אין דער צייט פון ערשטן חורבן האָבן ניט געבאַקן מער קיין ברויט אַליין אין שטוב, נאָר האָבן עס געקויפט ביי דעם בעקער. און ניט איינער אָדער צוויי בעקער זיינען געווען דאַ־מאָלסט אין ירושלים, נאָר אַ גרויסע צאָל זיינען זיי געווען, און זיי האָבן געהאַט אַ גאַנצע גאַס אַן אייגענע.

ווי האָבן די דאָזיקע בעקער פון ירושלים גענומען מעל צו באַקן?

וויבאַלד מ'האָט מער ניט געבאַקן אין דער היים, נאָר געקויפט פאַרטיקע ברויט ביים בע־קער, דאַרף מען אָננעמען, אַז מ'האָט אויך מער ניט געמאָלן די תבואה אין דער היים. עס קאָן דערפאַר גריי'עך זיין, אַז דער בעקער איז געווען אויך אַ מילנער. אָדער אפשר האָבן די בעקער געקראָגן מעל פון די טורמעס, ווו די ערעסטאַנטן האָבן געמאָלן מיט „זשאָרנעס"?

דער קיצור דערפון איז, אַז אין אַ פאַרלויף פון אַן ערך צוויי טויזנט יאָר (פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכענונג) האָט די אינדוסטריע

פון מאָלן מעל זיך ווינציק וואָס אַנטוויקלט. דער פויער האָט אַליין געמאָלן מיט דער האַנט־מיל זיין אייגענע תּבואה. דער שטאָטי־שער מענטש האָט ענטווידער געקויפט תּבואה און עס אַליין צעמאָלן, אָדער ער האָט געקויפט ביי דעם בעקער פאַרטיקן געבאַקטן ברויט.

מ׳האָט אין די דאָזיקע פאָר טויזנט יאָר אויך כמעט ווי גאָרניט פאַרבעסערט די מע־כאַניק פון דער האַנט־מיל. מ׳האָט געשלעפט דעם אויבערשטן שטיין אויף דעם אונטערשטן הין און צוריק, פון און צו זיך, און קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו מאַכן די מילשטיינער קיילעכדיק און אָנשטאָט צו שלעפן און צו שטופן דעם אויבערשטן שטיין הין און צוריק, אים בעסער צו דרייען אין אַ קרייז אַרום און אַרום.

## די דערפינדונג פון דער דרייענ־דיקער מיל.

דידאָזיקע גרויסע דערפינדונג איז געמאַכט געוואָרן אין איטאַליע ערשט אין דריטן יאָר־הונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. אָבער ניט אַזוי גיך איז די נייע דערפינדונג אָנגענומען געוואָרן פון אַלעמען. אַרום צוויי־

דריי הונדערט יאָר איז די אַלטע האַנט-מיל נאָך געשטאַנען מיט דער נייער זייט בײַ זייט.

מאַנכע זײַנען געווען פאַרטגעשריטן און האָבן געדרייט דעם אויבערשטן מילשטיין אַרום און אַרום אין אַ קרייז. אַ סך אָבער האָבן זיך געהאַלטן בײַ דער אַלטער מאָדע און האָבן געשלעפּט און געשטופּט דעם שטיין הין און צוריק. די פֿויערים בײַ זיך אין דער היים האָבן יעדנפֿאַלס נאָך אַ גאַנץ לאַנגע צייט גע-מאָלן פֿאַר זיך תּבֿואה אויף דעם אַלטן שטייגער. נאָר אין גרויסע מילן, ווו מ׳האָט געמאָלן פֿאַר אַנדערע, האָט מען זיך באַנוצט מיט דער נייער דערפֿינדונג פֿון דער דרייענדיקער מיל.

די דרייענדיקע מיל האָט אָבער אַלץ מער זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט. מ׳האָט באַלד איינגעזען, אַז מ׳קען מיט איר אַ סך מער אויפֿ-טאָן. ערשטנס האָט מען געזען, אַז מ׳קען אין אַ דרייענדיקער מיל זיך באַנוצן מיט גרעסערע שטיינער, און צווייטנס איז איצט געוואָרן מעגלעך אָנצווענדן די קראַפֿט פֿון מער ווי איין מענטשן. שטופּן דעם שטיין הין און צוריק האָט געקענט בלויז איין מענטש, אָבער אים דרייען האָבן געקענט עטלעכע מענטשן מיטאַמאָל. און דעריבער האָט מען געקענט אַרבעטן פֿיל גיכער.

דאָס איז נאָך אָבער ניט געווען אַלצדינג. דאָס וויכטיקסטע אין דער דרייענדיקער מיל איז געווען, וואָס זי האָט געגעבן די מעגלעכ־קייט צו מאָלן אינגאַנצן אָן דער מענטשלעכער קראַפט.

געווען אַפּנים אין יענע צייטן אַ מילנער אַ גרויסער פּוילאַק, אָבער מיט אַ גוטן קאָפּ, איז אים איינגעפאַלן, אַז אָנשטאָט אַליין צו דרייען דעם שטיין אַרום און אַרום, איז גלייכער איינצושפּאַנען אַן אייזל צו דער הענטל פון דעם שטיין, און זאָל דער אייזל אים דרייען. דערמיט איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער שריט צו באַפרייען דעם מענטשן פון דרייען דעם מיל־שטיין און צו לאָזן אים טרייבן דורך די כּוחות פון דער נאַטור.

די דרייענדיקע מיל, געטריבן דורך בהמות, האָט מעגלעך געמאַכט צו מאָלן תּבואה אויף אַזאַ גרויסן מאַסשטאַב, וואָס מ׳האָט פריער זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן. ערשט איצט איז מילנעריי געוואָרן אַ מלאָכה, וואָס האָט זיך באַצאָלט, און דער מילנער האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע אַלס אונטערנעמער, אַלס געשעפטסמאַן.

כּל זמן מענטשן האָבן מיט זייערע הענט געדרייט די מיל, האָבן געקענט האַלטן מילן

אַלס אַ געשעפט נאָר גאַנץ רייכע לייט, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל שקלאַפן. די מערסטע מילן האָבן טאַקע דערפאַר געהערט דעמאָלט צו דער רעגירונג, וועלכע האָט זיי באַטריבן מיט פאַרברעכער און שקלאַפן, וואָס זי האָט געהאַט אָן אַ צאָל. פאַר אַ פּריוואַטן מענטשן צו האַלטן אַ מיל אַלס אַ געשעפט האָט זיך ניט געלוינט, אויב ער האָט געמוזט דינגען אַרבעטער.

די לאַגע איז אָבער געוואָרן גאַנץ אַנדערש, ווען אָנשטאָט מיט שקלאַפן האָט מען אָנגעהויבן צו טרייבן מילן מיט אייזלען און פערד.

אויך ביי יידן זייגען דעמאָלט, אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, געווען פּראָפעסיאָ־נעלע מילנער, וועלכע האָבן געהאַט מילן, געטריבן מיט אייזלען. צו די דאָזיקע מילנער פלעגן די יידישע פּויערים פון אַרום ברענגען זייער תּבואה צו צעמאָלן פאַר אַ געוויסן פּרייז. אָבער ניט אַלע יידישע פּויערים אין ארץ־ישראל האָבן געפירט זייער תּבואה צום מילנער. אַ סך האָבן נאָך געמאָלן ביי זיך אין שטוב מיט דער האַנט־מיל („רחיים של יד״, האָט מען עס דאַן גערופן, אָדער אויך „רחיים של אדם״).

## די וואַסער־מיל.

אָבער די גרעסטע רעוואָלוציע אין מילנעריי איז געקומען מיט דער וואַסער־מיל. די מענטשהייט איז געגאַנגען פאָרויס גאַנץ לאַנגזאַם, אַ טריט נאָך אַ טריט. צוערשט האָט מען געמאַכט די מיל קיילעכדיק און דרייענדיק. אַז זי האָט זיך שוין געדרייט, האָט מען אָנגעשפאַנט צו איר אַן אייזל. אָבער די קראַפט פון אַ בהמה איז אויך ניט ביליג. מ׳מוז איר געבן עסן; און אַז זי אַרבעט צו שווער, פאַלט זי אינגאַנצן אוועק. האָט מען בעסער איינגעשפאַנט צו טרייבן די מיל די פרייע קראַפט פון וואַסער. די קאָסטן פון טרייבן אַ מיל זיינען איצט אַ סך פאַרקלע־נערט געוואָרן, און מילנעריי איז געוואָרן אַ געשעפט, וואָס האָט זיך גוט באַצאָלט.

געניי, ווען מ׳האָט דערפונדן צו טרייבן אַ ראָד מיט דער קראַפט פון וואַסער, ווייס מען ניט. מ׳נעמט געוויינטלעך אָן, אַז די דערפינדונג איז געמאַכט געוואָרן אַרום צוויי טויזנט יאָר צוריק (אַרום הונדערט יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג). אָבער ס׳האָט געדויערט זייער אַ לאַנגע צייט, ביז די דערפינדונג פון דער וואַסער־ראָד האָט געמאַכט אַ ווירקונג אויף דער אינ־דוסטריע פון מילנעריי אין דער רוימישער מלוכה.

אַרום פיר הונדערט יאָר האָט די דערפינדונג פון דער וואַסער־ראָד זיך ווינציק וואָס געלאָזט מערקן. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס מ׳האָט דאַן געהאַט אין רוים זייער פיל שקלאַפן און פאַרברעכער און ס׳איז קיין דוחק נישט געווען אין ביליגע הענט פאַר שווערער אַרבעט. מ׳האָט דעריבער זיך ניט פיל געניטיקט אין וואַסער־קראַפט. דערצו האָט די רעגירונג ניט געוואָלט אויפגעבן איר מאָנאָפּאָל, וואָס זי האָט געהאַט אויף מאָלן תּבואה.

שפּעטער אָבער, אין פערטן יאָרהונדערט, האָבן שקלאַפן אויפגעהערט צו זיין אַ ביליגע זאַך. דאָס געזעץ האָט ווי באַשיצט, מ׳האָט ניט געטאָ̈רט טויטן און אויך ניט האַנדלען מיט קיין שקלאַפן. די צאָל שקלאַפן אין דער רוימישער מלוכה איז בכלל דעמאָלט פיל פאַרקלענערט געוואָרן, און מע האָט דעריבער זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו נויטיקן אין אַ מאַשינעריע, וואָס שפּאָרט איין מענטשלעכע אַרבעט. דערפאַר האָט זיך פאַרשפּרייט פון דאַמאָלסט אָן די וואַסער־מיל אויף דער וועלט און געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער אינדוסטריע פון מאָלן מעל.

פון דעמאָלט אָן ביזן נײַנצענטן יאָרהונדערט, אַן ערך פופצן הונדערט יאָר, איז מילנערײַ

געשטאַנען אויף דעם זעלביקן פּונקט און ניט געמאַכט קיין פּראָגרעס. אַלץ, וואָס מיר זעען היינט אין אַן אַלטמאָדישער וואַסער־מיל, האָבן שוין דאָס די רוימער געהאַט אין דער צייט פון די צעזאַרן.

## די ווינט־מיל.

די איינציקע שטיקל נייס, וואָס איז אויפגעקומען אין פאַרלויף פון די פופצן הונדערט יאָר, איז די ווינט־מיל. אָבער די ווינט־מיל האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין פאַרבעסערונגען אין דער אינדוסטריע. נאָר אָנשטאָט, וואָס דער מילשטיין זאָל זיך דרייען דורך דער קראַפט פון דעם וואַסער, האָט ער זיך געדרייט דורך דער קראַפט פון דעם ווינט.

ווו און ווען די ווינט־מיל איז צוערשט אויפגעקומען, איז נישט זיכער. עס זיינען דאָ וועגן דעם פאַרשיידענע מיינונגען. עס איז אָבער יאָ זיכער, אַז אין מערב־איראָפּע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ווינט־מילן ערשט נאָך דער צייט פון די קרייץ־צוגן (ביים סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט). מ׳נעמט דערפון אָן, אַז די צלם־טרעגער האָבן עס געבראַכט די ווינט־מיל פון די מזרח־לענדער קיין איראָפּע. אַזוי ווי אין

קליין־אַזיע און סיריע זיינען דאָ אַ סך געגנטן, וואָס זיינען זייער אָרעם אין וואַסער, האָט מען דערפאַר דאָרטן געטריבן די מילן דורך ווינט אָנשטאָט דורך וואַסער, און די צלם־טרעגער האָבן עס איינגעפירט דערנאָך קיין אייראָפּע.

אַרום דעם מיטן פון דרייצענטן יאָרהונדערט אָבער זיינען ווינט־מילן שוין געווען אַ געוויינט־לעכע זאַך, און וואָס ווייטער, אַלץ מער זיינען זיי געוואַקסן אין צאָל. אָבער, ווי געזאָגט, האָט די ווינט־מיל ניט אַריינגעבראַכט קיין נייס, קיין אויסבעסערונג אין דער אַרבעט פון מאָלן. עס איז געווען דער זעלביקער מילשטיין, נאָר געטריבן דורך אַן אַנדער קראַפט.

## דער אונטערגאַנג פון דעם מילשטיין.

אַזוי איז די טעכניק פון מאָלן תּבואה געשטאַנען אויפן זעלביקן שטאַנד ביזן סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

אַ סך וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און מעכאַנישע דערפינדונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, אָבער תּבואה האָט מען אַלץ געמאָלן אַזוי ווי אין רוים אין דער צייט פון טיטוסן.

צוויי שטערונגען זיינען ביז דעמאָלט געשטאַ־

נען אין וועג און ניט געלאָזן די מילנעריי זיך אַנטוויקלען. די ערשטע איז געלעגן אין דער טראַנספּאָרטאַציע: עס איז אָנגעקומען זייער שווער צו פירן מעל אַ לאַנגע שטרעקע. קיינער האָט דערפאַר ניט געקענט קאָנקורירן מיט דעם קליינעם מילנער און אוועקנעמען זיינע קונדן, וואָס ער האָט געהאַט אין דער נאָנטסטער אומגעגנט. די גרויסע מילן אין אַכצענטן יאָרהונדערט האָבן דערפאַר געפירט אַ מעל־האַנדל בלויז מיט דער דערבייאיקער שטאָט און האָבן בשום אופן ניט געקענט אַרויסשטופן דעם קליינעם מילנער אויפן לאַנד.

די צווייטע שטערונג איז געווען דער דוחק אין קראַפט צו טרייבן די מיל. די וואַסער־קראַפט איז אומעטום באַגרענעצט פון דער נאַטור אַליין. דערצו נאָך זיינען געווען פאַרשיידענע געזעצלעכע באַגרענצונגען פון דער פּריווילעגיע זיך צו באַנוצן מיט דעם וואַסער. ווינט־מילן זיינען איבערהויפט אַן אומזיכערע זאַך, און די קראַפט פון ווינט האָט געפּאַסט בלויז פאַר קליינע מילן.

## דאַמף־מיל.

דערפאַר האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ נייע

צייט אין דער אינדוסטריע פון מאָלן מיט דער דערפינדונג פון דער דאַמף-מאַשין און מיט דער אויפבויונג פון אייזנבאַנען.

מיט דער קראַפט פון דאַמף האָט מען געקענט אויסבויען די גרעסטע מילן, ווו מ'האָט געוואָלט, און מיט אַ נעץ פון אייזנבאַנען האָט מען געקענט שיקן די מעל אין די ווייטסטע געגנטן.

דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן מאָלן מעל מיט דאַמף, איז געווען דזשעימס-וואַט אַליין, דער דערפינדער פון דער דאַמף-מאַשין. אין יאָר 1783 האָט וואַט געגרינדעט אַ קאָמפּאַניע אין לאָנדאָן צו בויען אַ גרויסע דאַמף-מיל. די מיל האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין לאָנדאָן אין יאָר 1786. זי האָט געהאַט צוואַנציק פּאָר מיל-שטיינער, און יעדע פּאָר שטיינער האָט געקענט צעמאָלן צען שעפל (בושל) תבואה אין אַ שעה. די צוויי דאַמף-מאַשינען, וואָס האָבן געטריבן די מיל, האָבן געהאַט יעדע די קראַפט פון פופציק פערד.

באַלד האָבן אויך אַנדערשוו זיך באַוויזן גרויסע דאַמף-מילן. אָבער דידאָזיקע מילן זיינען אַלע געלעגן אין גרויסע שטעט אָדער נאָענט דערביי.

ערשט אַרום דעם מיטן פון נײַנצענטן יאָר־הונדערט האָבן די דאַמף־מילן זיך פאַרשפּרייט אומעטום, און דער קלײנער מילנער אויפן לאַנד האָט אָנגעהויבן דערפילן, אַז מ׳האַלט אים בײַם אַרויסשטופן פון זײַן פעסטער פּאָזיציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אַרום פופצן הונדערט יאָר.

אָבער צוזאַמען מיט דעם קלײנעם מילנער אויפן לאַנד איז אין נײַנצענטן יאָרהונדערט געקומען אַ סוף אויך צו דער גדולה פון דעם מילשטיין. כּלזמן וואַסער אָדער ווינט האָבן געגעבן די קראַפט צו טרײַבן די מיל, האָט מען געמוזט אָנקומען צו די גרויסע מילשטיינער. אָבער אין אַ צײַט פון דאַמף־מאַשין האָט מען מער ניט באַדאַרפט די מילשטיינער, און מע האָט אין דער צווייטער העלפט פון פאַבריקן יאָרהונדערט דערפונדן די שטאָלענע וואַלצן, וואָס גיבן אַרויס אַ בעסערן מעל ווי די שטיינער, מיט אַ פיל קלענערער מאָס פון קלײַען און אָפּפאַל.

די ערשטע דערפאָלגרייכע וואַלצן־מיל איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין בודאַפּעשט (אונגאַרן) אין יאָר 1839. אָבער איבער צוואַנציק יאָר האָבן די וואַלצן דאָרטן געאַרבעט צוזאַמען מיט די מילשטיינער. ערשט אין יאָר 1863 האָבן די וואַלצן אינגאַנצן אַרויסגעשטופט די מילשטיינער.

אין אַמעריקע זיינען די ערשטע וואַלץ־מילן אָן מילשטיינער אויפגעבויט געוואָרן ערשט אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר פון פאַריקן יאָרהונדערט.

אין אַ סך אָפּגעשטאַנענע לענדער מאָלט מען נאָך היינט אויך מיט וואַסער־מילן, אָדער ווינט־מילן, פונקט ווי מ'ברענט נאָך דאָרט קעראָסין־לאָמפּן און ליכט. אָבער די צייט, ווען דער מילשטיין האָט געהערשט איבער דער וועלט, די צייט, ווען מ'האָט אָן אים ניט געקענט אויסקומען, איז שוין אַריבער.

אַרום פיר טויזנט יאָר האָט דער מילשטיין געהערשט איבער דער וועלט און צוגעשטעלט אַלעמען ברויט, ביז די דאַמף־מאַשין און די שטאָלענע וואַלצן האָבן אין ניינצענטן יאָרהונדערט געמאַכט אַ רעוואָלוציע און אים אַראָפּגעוואָרפן פון זיין טראָן.